בס"ד

ווישב תשפ"ה

גליון 218

# דעם רבינ'ס ליכט



אַיֶיעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## דֶער נִיגוּן פוּן "נְקוּדוֹת טוֹבוֹת" וֶוערְט שוֹין אָנְגֶענוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט

מִיר שְׁטֵייעֶן שוֹין הַארְט פַאר חֲנוּכָּה, וִוי עֶס אִיז בַּאוואוּסְט הָאבְּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה קוֹבֵעַ גֶעוֶוען אִין דִי חֲנוּכָּה טֶעג, לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל, צוּ דַאנְקְן אוּן לוֹיבְּן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ׳ס נָאמֶען.

דֶער עִיקָר פוּנֶעם דַאנְקְן גֶעבְּן מִיר אַרוֹיס בַּיים זָאגְן הַלֵּל מִיט שִׂמְחָה, נִישְׁט נָאר בַּיים הַלֵּל פוּן חֲנוּכָּה טֶעג נָאר אוֹיךְ אַלֶע יָמִים טוֹבִים הָאבּ חֲזַ"ל קוֹבֵעַ גֶעוֶוען צוּ זָאגְן הַלֵּל, אַזוֹי וִוי סְ׳שְׁטֵייט זֵכֶר עָשָׂה לְנִפְלְאוֹתָיו חַנּוּן וְרַחוּם ה׳ אוּן רַשִׁ"י טַייטְשְׁט אוֹיף דֶעם אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיס רַחֲמָנוּת פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וָואס הָאט אוּנְז קוֹבֵעַ גֶעוֶוען יָמִים טוֹבִים וָואס זֵיי זֶענֶען אַ גֶעדֶענְקוּנְג צוּ דִי נִסִּים אוּן וואוּנְדֶער וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אוּנְז.

עֶס פְרֶעגְט זִיךְ גְלַייךְ אַ פְרַאגֶע: "וָואס אִיז דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אַז מִיר דֶערְמַאנֶען בִּשְׁעָתְ׳ן זָאגְן הַלֵּל דִי נִסִּים אוּן וואוּנְדֶער וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אוּנְז אַמָאלִיגֶע צַייטְן? לַיידֶער זֶענֶען מִיר נָאךְ טִיף אִין בִּיטֶערְן גָלוּת, לִכְאוֹרָה וָואלְט בֶּעסֶער גֶעוֶוען מִיר זָאלְן עֶנְדֶערְשׁ בֶּעטְן אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל שוֹין רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז אוּן אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן גָלוּת אוּן אוֹיסְלֵייזְן מִיט אַ גַאנְצֶע גְאוּלָה," אוּן וִוי מִיר זֶען הָאבְּן טַאקֶע חֲזַ"ל בַּאשְׁטִימְט תְּפִלּוֹת אוֹיף דֶעם מֶשֶׁךְ דֶעם גָלוּת.

עֶנְטְפֶערְט ר׳ נָתָן, דֶער אֱמֶת אִיז אַז שְׁרַייעֶן אוּן בֶּעטְן אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג אוּן טַייעֶר אוּן דוּרְכְדֶעם קֶענֶען מִיר זִיךְ הַאלְטְן אִין גָלוּת, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן "אֵין כֹּחֵינוּ אֶלָּא בְּפֶה", אָבֶער אוֹיבּ מִיר וֶועלְן נָאר שְׁרֵייעֶן אוּן זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעבְּן מִיט דַאנְקְן אוּן לוֹיבְּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ קֶענֶען מִיר חָלִילָה אוֹיפְהֶערְן אִינְגַאנְצְן זִיךְ צוּ קֶערְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן - אוֹיבּ מִיר וֶועלְן זִיךְ נָאר אַרוּמְקוּקְן אוֹיף דִי צָרוֹת אוּן בִּיטֶערְנִישְׁן וָואס מִיר גֵייעֶן אַרִיבֶּער אִין גָלוּת.

דֶערִיבֶּער הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער מִיט זַיין גְרוֹיס חֶסֶד גֶעגֶעבְּן דִי יָמִים טוֹבִים, וָואס דֶעמָאלְט אִיז אַ צַייט וֶוען מִיר דֶערְמַאנֶען זִיךְ אִין דִי גֶעוַואלְדִיגֶע נִסִּים וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מִיט כְּלַל יִשְׂרָאֵל אוּן מִיט יֶעדְן פוּן אוּנְז פְּרִיוַואט, אוּן מֶען זָאגְט דַאן הַלֵּל אוֹיף אַלֶע נִיסִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוּן וָואס סְ׳וֶועט זַיין בִּיזְן סוֹף, אַזוֹי וֶועלְן מִיר קֶענֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אַלֶע אוּנְזֶערֶע שְׁוֶוערִיקַייטְן צוּ שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד.

דָאס הֵייסְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג צוּ שְׁרֵייעֶן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, עֶס פַארְלַאנְגְט זִיךְ אוֹיךְ דַאנְקְן אוּן לוֹיבְּן!

וֶוען אַ אִיד זֶעט וואוּ וַוייט עֶר אִיז פוּן בַּאשֶׁעפֶער

המשך אויף קומענדיגע זייט

## דער ריינער קוואל

אוּן פָּארְט הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז בַּיי אִים אִין שְׁטוּב צִינְד מֶען אָן אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע לֶעכְטֶעלֶעך, וָואס אִיז מְרֻמָּז אוֹיף דִי תּוֹרָה, אַז מִיר הָאבְּן נָאךְ שַׁייכוּת צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן אִירֶע מִצְווֹת, שְׁרֵייט זִיךְ אִים אַרוֹיס אַ לִידְל צוּם בַּאשֶׁעפֶער...

לָאמִיר זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אַ אִינְגְל וָואס אִיז זֵייעֶר קְרַאנְק רח"ל אוּן אַסַאךְ דָאקְטוֹירִים הָאבְּן שׁוֹין פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע הֵייל-מִיטְלֶען אִים צוּ אוֹיסְהֵיילְן אָבֶּער אָן עֶרְפָאלְג, גָארְנִישְׁט הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, דִי קְרֶענְק שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף אִים פוּן טָאג צוּ טָאג. בִּיז וֶוען אֵיין טָאג, אִיז גֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטָאר אוּן גֶעזָאגְט אַז אִין גָאר אַ וַוייטֶע לַאנְד - וואוּ עֶס קוּמֶען דָארְט נִישְׁט אָן קַיין עֶרָאפְּלַאנֶען - וַואקְסְט אַ גֶעוואוּקְס וָואס הָאט אִין זִיךְ גָאר שְׁטַארְקֶע כּוֹחוֹת צוּ קֶענֶען הֵיילְן אַלֶע סָארְטְן קְרֶענְק, עֶס הָאבְּן זִיךְ גְלַייךְ אוּנְטֶערְגֶעגַארְטְלְט גְרוֹיסֶע עַסְקָנִים אוּן צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַ סְפֶּעצְיֶעלְן עֶרָאפְּלַאן וָואס זָאל בְּרֶענְגֶען דִי רְפוּאָה פוּן דֶעם וַוייטְן מְדִינָה פַאר דֶעם אִינְגְל.

דִי חֲנוּכָּה לִיכְטְל, וָואס אִיז אַזַא הֵיילִיגֶע רְפוּאָה פַאר אוּנְזֶער נֶפֶשׁ אוּן עֶס קוּמְט פוּן גָאר גָאר אַ הוֹיכֶע אוּן וַוייטֶע פְּלַאץ פוּן טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער וֶועלְטְן וַוייט פוּן אוּנְז, "מִמֶּרְחָק תָּבִיא לַחְמָהּ" הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער דֶער רוֹפֵא כָּל בָּשָׂר מִיט זַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת עֶס צוּגֶעשִׁיקְט צוּ אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים אוֹיף אוּנְזֶער מְנוֹרָה'לֶע, מַיין קְנוֹיטֶעלֶע מִיט אוּנְזֶער קְרַאנְקֶער נֶפֶשׁ, אַלֶעס מִיט זַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אוּן לִיבְּשַׁאפְט מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן אוּן וֶוערְן נָאנְט צוּ אִים, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי שְׁטַארְק קְרַאנְק מִיר זֶענֶען. אוּן דֶערְמִיט זֶענֶען מִיר פַארְזִיכֶערְט מִיט אַ פֶּעסְטֶע בִּטָּחוֹן אַז עֶר וֶועט זִיכֶער אוֹיסְפִירְן אוּן טוּן פַאר אוּנְז נָאךְ וואוּנְדֶער בִּיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְפִירְן ווייל "דְּבַר אֱלֹקֵינוּ יָקוּם לְעוֹלָם" "גָאט פִירְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיס!" (שילוח הקן ה')

לָאמִיר טַאקֶע פְרֵיילִיךְ זַיין אַז מִיר זֶענֶען אִידְן, מִיר גֵייעֶן בעז"ה צִינְדְן חֲנוּכָּה לִיכְט בִּתְמִימוּת אוּן בִּפְשִׁיטוּת, אוֹיף אוּנְזֶער מְנוֹרָה. דִי קְלֵיין לִיכְטֶעלֶע וֶועט אוּנְז לִיכְטִיג מַאכְן אוּן בְּרֶענְגֶען נָאנְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן בַּאלַייכְטְן אַלֶע פִינְסְטֶערֶע פְּלֶעצֶער וואוּ מִיר הָאבְּן דָארְט נָאךְ נִישְׁט מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ אוֹיךְ דָארְט. אוּן בְּקָרוֹב וֶועט נִתְגַּלֶּה וֶוערְן דֶעם רֶבִּי'נְס לִיכְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, דֶעם רֶבִּי'נְס עֵצוֹת בִּפְרָט דִי עֵצָה פוּן לוֹיבְּן אוּן דַאנְקְן "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי" אוּן דִי עֵצָה פוּן "הִתְבּוֹדְדוּת" אוּן טְרֶעפְן אוּנְזֶערֶע "נְקוּדוֹת טוֹבוֹת" וֶועט וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, בְּקָרוֹב וֶועלְן מִיר זַיין מִיט מְשִׁיחַ צִדְקֵנוּ אוּן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִינְאֵיינֶעם, אָמֵן.

**א ווארימע תפילה אויף חנוכה.** העלף מיר טאטע צו מקיים זיין די מצוה פון חנוכה ליכט ווי עס דארף צו זיין, מיט אלע פרטים און דיקדוקים און כוונת. און צו מקיים זיין אלע מצות פון חנוכה מיט א גרויס שמחה, דיר צו דאנקן און לויבן און דיר בענטשן, זאגן גאנץ הלל מיט גרויס פרייד און התעוררות מיט גרויס קדושה און טהרה. און זוכה זיין צו ממשיך זיין באמת אלעמאל אויף אונז די שעשועים פון עולם הבא, וואס דאס מיינט דאנקן צו דיין גרויסן נאמען, בפרט אין ימי חנוכה.

(ליקוטי תפלות ב' תנינא)

# אַן אֵייבִּיגֶע לַאטְקֶע

יַענְקֶעלֶע אִיז גֶעוֶוען אַ יָתוֹם. עֶר הָאט נֶעבֶּען נִישְׁט גֶעקֶענְט וואוּינֶען אִינְדֶערְהֵיים ווִי אַלֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֶועלְכֶע הָאבְּן אַ וַוארִימֶע טַאטֶע און מַאמֶע ווָאס זָארְגְן זִיךְ פַאר זֵיי. דִי פַארְוואלְטֶער פוּן קִינְדֶערְהַיים זֶענֶען טַאקֶע גֶעוֶוען עֶקְסְטֶער גֶעטְרַיי און אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּ דִי נֶעבֶּעכְדִיגֶע יְתוֹמִים אָבֶּער עֶס הָאט אִים גֶעפֶעלְט דִי וַוארֶעמְקַייט פוּן אַ לִיבֶּע מִשְׁפָּחָה. בַּיינַאכְט אִין דִי טִינְקֶלְקַייט, וֶוען עֶר אִיז גֶעלֶעגְן אִין בֶּעט הָאט עֶר גֶע'חָלוֹמְ'ט פוּן זַיין לִיבֶּע מַאמֶע און טַאטֶע פוּן וֶועמֶען עֶר אִיז אַזוֹי וַוייט. אִינְמִיטְן הָאט עֶר גֶעפִילְט ווִי זַיין קִישְׁן וֶוערְט נַאס. אוֹי, זַיינֶע טְרֶערְן זֶענֶען גֶערִינֶען אָן רְשׁוּת און אִים פַארְפְּלֵייצְט מִיט פְלִיסִיגְקַייט.

פוּן צַייט צוּ צַייט פְלֶעגְט זִיךְ יַענְקֶעלֶע אַרִיבֶּערְכַאפְּן קַיין קַטַמוֹן וואוּ עֶס הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען דִי בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר שׁוּל. דָארְט צְווִישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט הָאט יַענְקֶעלֶע זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט פַארְזִיכֶערְט. דִי וַוארִימֶע וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן ווָאס עֶר הָאט דָארְט גֶעהֶערְט הָאט אִים אָנְגֶעוַוארֶעמְט זַיין פַארְ'חַלְשְׁ'טֶע הַארְץ.

חֲנוּכָּה. יַענְקֶעלֶע בֶּענְקְט צוּ זַיין הֵיים. צוּ זַיין טַאטֶענְ'ס הֵיילִיגֶע לֶעכְט צִינְדְן. אוֹי, זַיין מַאמֶע'ס הֵייסֶע לַאטְקֶעס. זַיין הַארְץ גֵייט אוֹיס פַאר בֶּענְקְשַׁאפְט. זַיינֶע פוּס הָאבְּן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיף דֶער בַּאקַאנְטֶער וֶועג קַיין קַטַמוֹן. עֶר הָאט אַרַיינְגֶעשְׁפַּאנְט אִין שׁוּל און זִיךְ אוֹיסְגֶעמִישְׁט צְווִישְׁן עוֹלָם און זִיךְ אַיינְגֶעהֶערְט צוּ דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן ווָאס דִי בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר



לַייט הָאבְּן דָארְט אַרוּמְגֶערֶעדְט. דִי רְקוּדִים און פֵייעֶרְלִיכֶע טֶענְץ הָאט אִים מַמָשׁ דֶערְקְווִיקְט. נָאךְ אַ לַאנְגֶע חֲנוּכָּה פַארְבְּרֶענְג הָאט יַענְקֶעלֶע'ס הַארְץ גֶעשְׁפִּירְט אָנְגֶעזֶעטִיגְט אָבֶּער זַיין קֶערְפֶּער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט פַארְגֶעסְן אַז עֶר הָאט פַארְפַאסְט דֶעם נַאכְטְמָאל אִין קִינְדֶערְהַיים. יָא, זַיין נְשָׁמָה אִיז זַאט אָבֶּער ווָאס אִיז מִיט זַיין מָאגְן? עֶר אִיז הוּנְגֶערִיג, מֶ'קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן עֶסְן. יַענְקֶעלֶע ווִיל עֶפֶּעס נֶעמֶען אִין מוֹיל אָבֶּער סְ'אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען ווָאס. אִין יֶענֶע צַייט הָאט גֶעהֶערְשְׁט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע הוּנְגֶער. סְאִיז קוֹים גֶעוֶוען אַבִּיסְל בְּרוֹיט צוּ בַּאקוּמֶען. אָבֶּער בַּיינַאכְט אִיז שׁוֹין אַלֶעס גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעלֵיידִיגְט.

שֶׁעמֶעוודִיגֶערְהֵייט הָאט זִיךְ יַענְקֶעלֶע צוּגֶעשְׁלַייכְט צוּ ר' שְׁמוּאֵל שַׁפִּירָא ז"ל.

"אִיךְ בִּין הוּנְגֶערִיג," הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעשְׁטַאמְלְט שְׁטִיל.

ר' שְׁמוּאֵל הָאט גֶעעֶפְנְט זַיינֶע מִילְדֶע אוֹיגְן אוֹיפְ'ן נֶעבֶּעכְדִיגֶער יָתוֹמְ'ל ווָאס הָאט נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל זִיךְ זָארְגְן פַאר אִים.

"זִיכֶער, יַענְקֶעלֶע," הָאט ר' שְׁמוּאֵל אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט רַחֲמָנוּת, "קוּם מִיט מִיר אַהֵיים וֶועל אִיךְ דִיר בְּלִי-נֶדֶר גֶעבְּן אַ לַאטְקֶע." און ר' שְׁמוּאֵל אִיז אַהֵיים מִיט יַענְקֶעלֶע אִים צוּ קֶענֶען גֶעבְּן אַ לַאטְקֶע. דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע מְצִיאָה אִין יֶענֶע הוּנְגֶערִיגֶע צַייטְן.

ר׳ שְׁמוּאֵל שְׁפַּאנְט אַרַיין אִין הוֹיז אִין גֵייט גְלַייךְ אַרַיין אִין קָאךְ צוּ זַיין רֶעבֶּיצִין.

"וואוּ זֶענֶען דִי לַאטְקֶעס?" פְרֶעגְט עֶר אִיר, "יַענְקֶעלֶע אִיז הוּנְגֶערִיג".

"אַהַ", קְרֶעכְצְט דִי רֶעבֶּיצִין פְּרַיידָא, "אֲפִילוּ אַ בְּרֶעקְל אִיז שׁוֹין נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן. דִי הוּנְגֶערִיגֶע קִינְדֶער הָאבְּן אַלֶעס אוֹיפְגֶעגֶעסְן..."

"אוֹי וֵויי", הָאט ר׳ שְׁמוּאֵל אַרוֹיסְגֶעקְרֶעכְצְט, "וָואס וֶועט זַיין מִיט יַענְקֶעלֶע? עֶר אִיז הוּנְגֶערִיג. כְ'הָאבּ אִים דָאךְ אָנְגֶעזָאגְט מִיט אַ לַאטְקֶע."

ר׳ שְׁמוּאֵל הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס עַגְמַת-נֶפֶשׁ פוּן דֶעם וָואס יַענְקֶעלֶע הָאט נִישְׁט בַּאקוּמֶען אַ לַאטְקֶע. עֶר הָאט עֶס גֶעדֶענְקְט אַלֶע זַיינֶע לֶעבְּנְס טֶעג אֲפִילוּ לַאנְג נָאכְדֶעם וָואס יַענְקֶעלֶע הָאט שׁוֹין פַארְגֶעסְן דֶערְפוּן.

דֶעם אַנְדֶערְן טָאג אִיז גֶעוֶוען פְרַייטָאג. ר׳ שְׁמוּאֵל הָאט אַיינְגֶעלַאדְנְט יַענְקֶעלֶע צוּ דִי סְעוּדוֹת אוּן אִים שְׁטַארְק מְכַבֵּד גֶעוֶוען. אוּן יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶר הָאט אִים גֶעטְרָאפְן הָאט עֶר אִים נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן אוּן אִים מְכַבֵּד גֶעוֶוען מִיט וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט.

ר׳ מֹשֶׁה בּוּרְשְׁטֵיין ז"ל הָאט דֶערְצֵיילְט אַז ר׳ שְׁמוּאֵל אִיז אַמָאל גֶעוָוואר גֶעוָוארְן אַז עֶר פְּלַאנְט צוּ פָּארְן אוֹיף וַואקַאצִיֶע הָאט עֶר אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל מִיטְנֶעמֶען דֶעם יָתוֹם יַענְקֶעלֶע אוּן אִים מְכַבֵּד זַיין.

מִיט ר׳ שְׁמוּאֵלְ'ס רַחֲמָנוּת הָאט יַענְקֶעלֶע זִיךְ פַארְדִינְט מֶער וִוי אַ לַאטְקֶע. עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעהַאט אַ פְּלַאץ אִין ר׳ שְׁמוּאֵלְ'ס הַארְץ אוּן וֶוען אִימֶער ר׳ שְׁמוּאֵל הָאט אִים בַּאגֶעגְנְט, הָאבּ עֶר אִים ווִידֶערְאַמָאל אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן.





**קבר פון היילגן מגיד פון מעזריטש, הילולא אין י"ט כסלו. טרעף צען חילוקים.**

**דו ווייסט אפשר וואו עס ווערט דערמאנט דעם מגיד'ס נאמען אין רבי'נס ספרים?**

# לעובדא ולמעשה

## עובדות פון הרה"ח
## רבי ישראל נחמן אנשין ז"ל

די וואָך האָבּן אונזערע לייט באַגלייט מיט גרויס צער און טרויער אַ גרויסע אֲבֵידָה, איינער פון די חָשוּבֶ'ע בְּרֶסְלֶבֶ'ע לייט וועלכער האָט געדינט דעם היילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער מיט גרויס איבערגעגעבנקייט און שִׂמְחָה. מיר דאַרפְן איבערנעמען נְקוּדוֹת פון זיין לעבּן וואָס איז געווארן אַ חָלָל אַז ער האָט זיך אָפְּגעטון פון אונז.

פון די גאָר שיינע זאַכן וואָס מיר קענען זיך לערנען פון הרב הֶחָסִיד ר' יִשְׂרָאֵל נַחְמָן אַנְשִׁין ז"ל איז זיין דאַווענען יעדן פאַרטאָגס וואָס האָט גענומען עטליכע שָׁעוֹת, ווען ער פלעגט בִּתְמִימוּת יעדן טאָג אָנגעהויבּן דעם סִדּוּר פון אַ לֶ ף בֵּ י ת, יאָ, אַזוי ווי דער תָּם פון סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, טאָג איין טאָג אויס, וואָכן אין חֳדָשִׁים און יאָרן האָט ער אַזוי בִּתְמִימוּת געדאַווענט אַלעס וואָס שטייט פון די ערשטע בּלאַט פון דעם סִדּוּר בּיז סוֹף פונעם דאַווענען, מיט אַזאַ יִשּׁוּב הַדַּעַת.

דאָס איז פאַר אונז מְחַיֵּב אַז מיר זאָלן אָפּשעצן כאָטש אַ ביסל די זאַכן וואָס ער האָט געטון אין זיין דאַווענען. מען דאַרף ניט נאָכמאַכן יענעמס עֲבוֹדוֹת אָבּער מען דאַרף יאָ הערן וויאַזוי אונזערע לייט האָבּן גענומען דאָס דאַווענען מיט אַזאַ געשמאַק אַז מיר זאָל וויסן אויף וואָס צו בענקען און האָפן.



מען קען גאָר אַסאַך אַרומרעדן איבּער זיין הַתְמָדָה אין תּוֹרָה, זיין קַנָּאוּת, שִׂמְחַת הַחַיִּים, חִנּוּךְ - זיין תְּפִלַּת הַשְּׁלָ"ה יעדן טאָג פון זיין חֲתוּנָה בּיז די לעצטע טעג פאַרן פְּטִירָה, אַהֲבַת חֲבֵרִים, שטיין גאָר ווייט פון מַחֲלוֹקֶת, זיך ניט אַוועקרוקן פון מָסֹרֶת אָבוֹת, זיין ווייקן זיך בּיי אונזערע לייט פון פריערדיגן דוֹר בּיז היינט מיטן ריכטיגן אֱמוּנַת חֲכָמִים א.א.וו אין קומענדיגן געלעגנהייט וועלן מיר בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם קענען מער מַרְחִיב זיין.

אַזוי ווי ר' יִשְׂרָאֵל נַחְמָן פלעגט זייער אויסלויבן דעם גִּלָּיוֹן 'דעם רבּי'נס ליכט', יעדעס מאָל מיר האָבּן אים בּאַגעגנט פלעגט ער עקסטער לויבן און דאַנקן ווי שיין מען האָט הֲנָאָה בּיי אים אין שְׁטוּבּ פון דעם גִּלָּיוֹן, זאָל דאָס טאַקע זיין לע"נ הרב הֶחָסִיד ר' יִשְׂרָאֵל נַחְמָן בּ"ר יִצְחָק ז"ל.

אין יעצט איין קליין סִיפּוּר...

די נאכט אין אוקריינע איז שוין צוגעפאלן פאר עטליכע שעה צוריק. אלע זענען פארזונקען אין א טיפער שלאף.

אלע? כמעט...

די ברסלב'ער חסידים קענען נישט דערלייגן דעם חצות הלילה ביים הייליגן ציון. זיי מוזן ארייכאפן אין די 'גאלדענע'נעכט... אויך ר' ישראל נחמן איז געזעסן דארט ביים רבי'ן און עוסק געווען אין זיינע עבודות הקודש.

פלוצלונג עפנט זיך טיר. דער עולם האט פרובירט נישט צו מפסיק זיין, ס'איז אן אפענע פלאץ דא, ווער ס'וויל קען קומען און גיין אן צו ברויכן אפגעבן א דין וחשבון פאר קיינעם.

ר' ישראל נחמן בליקט ארויס און באמערקט ווי צוויי חסיד'ישע אינגעלייט שלייכטן זיך אריין. קוקן נישט רעכטס אדער לינקס נאר גייען צו צום צדקה פושקע, מאכן א שטילע רעש פון די מטבעות וואס זייווארפן דארט אריין, זיי זאגן אפ א תיקון הכללי און שלייכטן זיך גלייך צוריק ארויס פונעם הייליגן ציון אזוי ווי זיי זענען אריין.

עס גייט נישט אריבער קיין צוויי מינוט און די טיר עפנט זיך נאכאמאל. נאך צוויי אינגעלייט פון זעלבן סארט שארן זיך אריין שטילערהייט, טוען דאס זעלביגע פון די פריערדיגע פָאר און ווידער ווערן זיי אנטרינען. און עודך... צוויי מינוט שפעטער ווידער דאס זעלבע זאך...

ר' ישראל נחמן האט געשפירט אז ער מוז דערגיין וואס דא קומט פאר? די אינגעלייט זענען אומבאקאנט צו אים, ס'קוקט אויס פון היימישן ניו יארק געקומען. וואס איז די מיסטעריע ארום דער זאך?

ער גייט ארויס צו טונקעלן האריזאנט און שטעלט זיינע טריט צו דערגיין די מעשה.

אה, עפעס זעט ער דארט פון זייט. אבער וואס? ווי קומט א באס דא אינמיטן נאכט? ער דערנענטערט זיך צו יענעם ריכטונג כאילו ער גייט דארט פערצופאל פארביי און שטעלט זיך אפ צו געבן שלום-עליכם פאר די אורחים אין אומאן - א פולע באס מיט היימישע אינגעלייט.

"איר קענט א איד, ר' ישראל נחמן אנשין?" פרעגט דער מדריך פון די גרופע, אזוי בדרך אגב.

"יא, פון וואו קענט איר מיר?" ר' ישראל נחמן האט בעסער באטראכט דעם אינגערמאן אויב דאס פנים איז אים באקאנט? אבער ניין, ער דערקענט אים נישט.

"איר געדענקט מיר נישט? אפשר טאקע איז שוין אריבער אסאך צייט זייט אונזער באגעגעניש." דער איד האט צעקנייטשט זיין שטערן צו מאכן א שנעלן חשבון... "כ'מיין שוין צוואנציג

יאר. איר זענט געווען צוואנציג יאר צוריק אין ניו יארק?"

"לכאורה..." ר' ישראל נחמן האט אויסגערעכנט אז לכאורה האט ער דאן חתונה געמאכט א קינד און האט זיך געפונען איבער די ניו-יארקער פארקער.

"שוין, איז דעמאלט האב איך אייך געטראפן אין מאנסי און איר האט מיר געגעבן א ספר המידות. וואס זאל איך אייך זאגן? דעם ספר האט געמאכט א מהפיכה אין מיר. און איך בין נישט געבליבן שטיל נאר צעשפרייט דעם רבינ'ס אור אויך צווישן מיינע באקאנטע. דא האט איר א גאנצע באס פון אונזער באהאלטענע חבורה.

"מיר זענען אצינד אויף א נסיעה צו די מקומות הקדושים און זיכער ווילן מיר נישט אויסלאזן רבי נחמנ'ס ציון. דער פראבלעם איז נאר אז מיר מוזן זיך דאס פארהוילן פון אונזער קהילה, דעריבער גייען מיר אריין איינער, איינער אן קיין רעש."

ר' ישראל נחמן איז געבליבן דארט אן קיין לשון. ער געדענקט שוין נישט דעם אינצידענט אבער ס'איז אים געווען א הארה ווי אזא קלייניגקייט ווי געבן א ספר קען האבן אזא ווייטגרייכנדע השפעה און דער אויבערשטער האט אויסגערעכנט אז פונקט ווען ער איז דא ביים רבי'ן זענען די אינגעלייט אנגעקומען. זיי האבן דאך געקענט קומען א מינוט שפעטער אדער א חודש פריער, אבער דער אויבערשטער האט אזוי צוגעפירט אז מען זאל זיך אפלערנען דער כח פון טראכטן פון א צייטן איד און אים מקרב זיין צום אמת'ן תכלית!

המשך פון די לעצטע זייט




מִיר הֶערְן, אָטֶעמֶען, מִיר לֶערְנֶען אִין אַזַא חֵדֶר, אַזֶעלְכֶע סָארְט עֶלְטֶערְן, גוּטֶע חֲבֵרִים א.או. און זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי אַלֶע טוֹבוֹת.

אַז מֶען וֶועט אָבֶּער קוּקְן אוֹיפְן גַאנְצְן בִּילְד פוּן לֶעבְּן, אוֹיף אַלֶע טוֹבוֹת אוֹיפְאֵיינְמָאל, און זִיךְ פְרֶעגְן: "וֶוער מַאכְט מִיר דָאס אַלֶעס? וֶוער? דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער! עֶר דְרֵייט צוּזַאם אַז אַלֶע גוּטֶע זַאכְן זָאלְן זַיין אַזוֹי שֵׁיין פַארְבִּינְדְן אֵיינְס אִין צְווֵייטְן, אוֹיפְן בֶּעסְטְן און שֶׁענְסְטְן אוֹפָן צוּגֶעשִׁיקְט אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט שְׁטֶעלְט אַרוֹיס אַ הֶערְלִיכֶע בִּילְד. אַז מֶען גֵייט מִיט אַזַא סָארְט גֶעדַאנְקֶענְגַאנְג אִיז דִי שִׂמְחָה אוֹיף אַסַאךְ אַ הֶעכֶערֶע דַרְגָה.

**מִיר וֶועלְן אַרַיינְטְרַאכְטְן אִין אַלֶע טוֹבוֹת וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאכְט אוּנְז אַלֶעס צוּזַאמֶען, וֶועלְן מִיר מֶער פַארְשְׁטֵיין זַיינֶע גְרוֹיסֶע חֲסָדִים, אַזוֹי וֶועט דִי פְרֵייד זַיין אַסַאךְ גְרֶעסֶער.** (לויט ליקו"מ ח"ב ל"ד)

| | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ל | ש | כ | ת | ה | מ | ו | ק | ד | ה | ז | ל | כ | מ | ט | מ | נ |
| ר | ש | ט | מ | ו | צ | מ | ב | ו | ל | ש | ב | ס | י | ו | י | ל |
| ח | ש | כ | ש | י | ל | א | ו | א | כ | צ | נ | כ | צ | ז | י | ש |
| ל | ל | א | ת | ק | ר | ר | מ | ת | ו | י | ק | ע | ע | ת | ל | כ |
| מ | ש | ש | פ | ע | פ | י | ה | ת | ט | ב | ה | ל | ה | ר | ש | ה |
| ה | ג | כ | כ | ה | ו | ע | ז | ב | ר | ל | נ | ה | ר | ל | כ | ש |
| ת | י | ב | ת | ת | צ | ש | א | נ | ו | כ | ס | צ | י | ש | ת | ב |
| כ | א | כ | ע | ב | פ | ת | י | ג | ה | פ | ע | ש | ד | כ | ב | ה |
| ש | ש | פ | מ | ל | י | נ | ה | ל | פ | ת | מ | ב | ת | ת | י | ש |
| ל | ט | מ | ט | ב | ש | ת | ח | צ | ח | ב | כ | צ | כ | ה | ת | מ |
| א | ל | ר | ת | י | כ | כ | ד | ס | ז | מ | צ | ש | ש | מ | ש | ר |
| ו | ב | כ | ה | ש | ת | ש | ת | י | ה | נ | ה | נ | ל | ד | מ | ו |
| ש | ש | פ | ל | מ | ס | ע | ו | ה | נ | מ | ט | פ | מ | י | נ | ה |
| ל | ט | ב | י | פ | ד | נ | נ | ג | ג | ש | ל | מ | נ | ח | י | ל |
| פ | כ | ד | ה | ג | ת | י | פ | ש | ד | ז | ל | ב | ק | י | א | כ |
| ל | ש | כ | ת | ה | ח | ו | ת | מ | ו | ת | י | כ | י | נ | מ | ל |
| מ | י | ע | ר | ו | צ | מ | ה | ת | כ | ש | ל | ת | ג | ש | י | ש |

זוך אויף די נעמען פון די לשכות אין היילינגן בית במקדש, קענסט עס טרעפן ארויף, אראפ, רעכטס, לינקס און שיף

**לשכת הנזירים**
**לשכת המלח**
**לשכת דיר העצים**
**לשכת המצורעים**
**לשכת בית שמניא**
**לשכת בית דין של כ"ג**
**לשכת הפרווה**
**לשכת הגזית**
**לשכת הגולה**

**לשכת המדיחין**
**לשכת הטלאים**
**לשכת פנחס המלביש**
**לשכת עושי לחם הפנים**
**לשכת החותמות**
**לשכת בית אבטינס**
**לשכת המוקד**
**לשכה שבה שמרו הל' כל' ש (הלוים כלי שיר)**

דֶעם 'דְרִיטְן־טָאג', הָאבְּן זִיךְ 'חָתָן־כַּלָה' ווידֶער דֶערְמַאנְט – אוּן הָאבְּן גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּענְקְט: "ווִי נֶעמְט מֶען דָא דֶעם 'דְרִיטְן־בֶּעטְלֶער', ווָאס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ 'כְּבַד־פֶּה'" (דְהַיְינוּ: עֶר הָאט גֶעשְׁטַאמְפְּלְט מִיט דֶעם מוֹיל).

דֶערְוַוייל קוּמְט עֶר אַרַיין, אוּן זָאגְט: "אִיךְ בִּין דָא" – אוּן אִיז זֵיי אַרוּמְגֶעפַאלְן, אוּן הָאט זֵיי גֶעקוּשְׁט, אוּן עֶר הָאט זֵיי אוֹיךְ אַזוֹי גֶעזָאגְט כַּנַ"ל: "פְרִיעֶר הָאבּ אִיךְ אַייךְ גֶעבֶּענְטְשְׁט, אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי־ווִי אִיךְ – הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ 'דְרָשָׁה־גֶעשַׁאנְק', אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי־וִוי אִיךְ.

אִיר מֵיינְט אִיךְ בִּין אַ 'כְּבַד־פֶּה', אִיךְ בִּין גָאר קַיין 'כְּבַד־פֶּה' נִישְׁט, נָאר דִי דִיבּוּרִים פוּן דֶער ווֶעלְט, ווָאס זֵיי זֶענֶען נִישְׁט קַיין שְׁבָחִים [לוֹיבּ] צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאבְּן קַיין שְׁלֵימוּת נִישְׁט – (כְּלוֹמַר: דֶערִיבֶּער הָאט עֶר אַ פָּנִים ווִי אַ 'כְּבַד־פֶּה', ווָאס קֶען נִישְׁט רֶעדְן – ווָארְן עֶר ווִיל גָארְנִישְׁט רֶעדְן קַיין שׁוּם ווָארְט פוּן דֶער ווֶעלְט, ווָאס סְ'אִיז נִישְׁט קַיין לוֹיבּ צוּ הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ – ווָארְן דִי רֵייד ווָאס [זֶענֶען] נִישְׁט קַיין לוֹיבּ צוּ הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ, הָאבְּן קַיין שְׁלֵימוּת נִישְׁט – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] שְׁטַאמְפְּלְט עֶר אִין דִי רֵייד).

אָבֶּער צוּם אֶמֶת, בִּין אִיךְ גָאר קַיין 'כְּבַד־פֶּה' נִישְׁט – אַדְרַבָּא, אִיךְ בִּין אַ 'מֵלִיץ', אוּן אַ 'דַבְּרָן', דְהַיְינוּ: אַ 'רֶעדֶער', זֵייעֶר אַ ווָאוּילֶער, ווָאס סְ'אִיז אַ ווִילְד חִידוּשׁ.

אוּן אִיךְ קֶען רֶעדְן 'חִידוֹת', אוּן 'שִׁירִים', אוּן 'לִידֶער', ווָאס זֵיי זֶענֶען ווִילְדֶע חִידוּשִׁים – ווָאס אַז אִיךְ הֵייבּ אָן צוּ רֶעדְן מַיינֶע 'חִידוֹת', מִיט מַיינֶע 'שִׁירִים', מִיט מַיינֶע 'לִידֶער' – אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנְדְן קַיין שׁוּם נִבְרָא אִין דֶער ווֶעלְט, ווָאס עֶר זָאל מִיךְ נִישְׁט ווֶעלְן הֶערְן – (כְּלוֹמַר: סְ'נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם בַּאשֶׁעפֶענִישׁ אִין דֶער ווֶעלְט, ווָאס סְ'זָאל נִישְׁט ווֶעלְן הֶערְן זַיינֶע 'שִׁירִים' וְכוּ') – אוּן סְ'אִיז אִין זֵיי דָא (דְהַיְינוּ: אִין דִי 'חִידוֹת' אוּן אִין דִי 'שִׁירִים' ווָאס עֶר זָאגְט), 'כָּל־הַחָכְמוֹת'".

"אוּן אִיךְ הָאבּ אַ 'הַסְכָּמָה' דֶערוּיף, פוּן דֶעם 'גְרוֹיסְן־מַאן', ווָאס עֶר הֵייסְט: "דֶער 'אֶמֶת'ר אִישׁ־חֶסֶד"". ווָארְן אַמָאל זֶענֶען גֶעזֶעצְן אַלֶע חֲכָמִים, אוּן אִיטְלֶעכֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט מִיט זַיין חָכְמָה.

אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט: "עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעבְּרַאכְט מִיט זַיין חָכְמָה 'אַייזְן'" (דְהַיְינוּ: דָאס ווָאס מֶען זָאל קֶענֶען מַאכְן 'אַייזְן' פוּן דֶער עֶרְד, דָאס הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעבְּרַאכְט אוֹיף דֶער ווֶעלְט).

אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט: "עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעבְּרַאכְט אַ אַנְדֶער מִין 'מַתֶּכֶת'" (דְהַיְינוּ: אַ אַנְדֶער מִין 'אַייזְנְוַוארְג', 'צִין' אָדֶער 'בְּלַיי' וְכוּ'). אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט: "עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעבְּרַאכְט מִיט זַיין 'חָכְמָה' 'זִילְבֶּער'", דָאס אִיז שׁוֹין חָשׁוּבֶער – (דְהַיְינוּ: דָאס ווָאס מְ'קֶען מַאכְן זִילְבֶּער, דָאס הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעבְּרַאכְט).

אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט: "עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעבְּרַאכְט מְ'זָאל קֶענֶען מַאכְן 'גָאלְד'". אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט: "עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעבְּרַאכְט 'כְּלֵי־מִלְחָמָה'" (דְהַיְינוּ: דִי 'כֵּלִים' ווָאס מְ'הַאלְט מִיט זֵיי 'מִלְחָמָה', דְהַינוּ 'בִּיקְסְן' אוּן 'הוּרְמַאטֶעס', אוּן דֶעסְטְגְלַייכְן, דִי 'חָכְמָה' צוּ מַאכְן דִי 'כֵּלִים', דָאס הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעבְּרַאכְט).

אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט: "עֶר קֶען מַאכְן דִי

׳אַייזְנְוַוארְג׳, נִישְׁט פוּן דִי זַאכְן, וָואס זֵיי מַאכְן דֶערְפוּן דִי ׳אַייזְנְוַוארְג׳״. אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט: ״מִיט אַנְדֶערֶע חָכְמוֹת״.

וָוארְן סְ׳אִיז פַארְהַאנְדְן כַּמָה זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס מְ׳הָאט אַרוֹיסְגֶעבְּרַאכְט דוּרְךְ חָכְמוֹת, דְהַיְינוּ: ׳סַאלִיטְרֶע׳ [אֵייזְן מַאטְרִיאַל], אוּן ׳פּוּלְוֶוער׳ [בָּאמְבֶּע מַאטְרִיאַל], אוּן דֶעסְטְגְלַייכְן.

הָאט זִיךְ אִיטְלֶעכֶער בַּארִימְט מִיט זַיין ׳חָכְמָה׳.

הָאט זִיךְ דָארְט אֵיינֶער אָנְגֶערוּפְן: ״אִיךְ בִּין קְלוּגֶער פוּן אַייךְ, וָוארְן אִיךְ בִּין קְלוּג וִוי דֶער טָאג״ – הָאט מֶען דָארְט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר זָאגְט: ״עֶר אִיז קְלוּג וִוי דֶער טָאג״.

הָאט עֶר זִיךְ צוּ זֵיי אָנְגֶערוּפְן: ״וָוארְן אַלֶע אַייעֶרֶע חָכְמוֹת, קֶען מֶען זֵיי צוּם אוֹיפְנֶעמֶען [צוּנוֹיפְנֶעמֶען], וֶועט פוּן זֵיי מֶער נִישְׁט זַיין, נָאר אֵיין ׳שָׁעָה׳ – כָאטְשֶׁע אִיטְלֶעכֶע חָכְמָה נֶעמְט זִיךְ פוּן אַ אַנְדֶערְן ׳טָאג׳, וֶועדְלִיג [לוֹיט] דִי ׳בְּרִיאָה׳ וָואס סְ׳גֶעוֶוען אִין אִיטְלֶעכְן ׳טָאג׳ – וָוארְן אַלֶע ׳חָכְמוֹת׳ זֶענֶען זִיךְ ׳הַרְכָּבוֹת׳ (דְהַיְינוּ: מְ׳מִישְׁט צוּם אוֹיף [צוּנוֹיף] עֶטְלִיכֶע זַאכְן אִינְאֵיינֶעם, אוּן דֶערְפוּן מַאכְט מֶען דִי זַאךְ – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] נֶעמְט זִיךְ אִיטְלֶעכֶע ׳חָכְמָה׳, פוּן דֶעם ׳טָאג׳, וָואס אִין דֶעם ׳טָאג׳ הָאט גָאט בַּאשַׁאפְן דִי זַאכְן, וָואס דֶערְפוּן נֶעמְט מֶען דִי ׳מַאטֶערְיֶעס׳ [מַאטְרִיאַלְן] – אוּן מְ׳מִישְׁט אוֹיס מִיט ׳חָכְמָה׳, אוּן מְ׳מַאכְט דִי זַאךְ וָואס מְ׳וִויל מַאכְן, ׳זִילְבֶּער׳, אָדֶער ׳קוּפֶּער׳, אוּן דֶעסְטְגְלַייכְן).

פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָארְט, קֶען מֶען מִיט ׳חָכְמָה׳, צוּם אוֹיפְנֶעמֶען [צוּנוֹיפְנֶעמֶען] אַלֶע אַייעֶרֶע ׳חָכְמוֹת׳, וֶועט פוּן זֵיי מֶער נִישְׁט זַיין, נָאר אֵיין ׳שָׁעָה׳ – אָבֶּער אִיךְ בִּין קְלוּג, וִוי אַ גַאנְצֶער ׳טָאג׳״ – (אַזוֹי הָאט זִיךְ בַּארִימְט דֶער ׳אוּנְטֶערְשְׁטֶער־חָכָם׳ [לֶעצְטֶער־חָכָם] הַנַּ״ל). הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אִים (דְהַיְינוּ דֶער ׳כְּבַד־פֶּה׳, וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ): ״וִוי וֶועלְכֶער ׳טָאג׳״? (כְּלוֹמַר: וִוי וֶועלְכֶער טָאג בִּיזְטוּ קְלוּג?).

הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן [דֶער אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער חָכָם]: ״אָט דֶער אִיז קְלוּגֶער פוּן מִיר, וַוייל עֶר פְרֶעגְט ׳וִוי וֶועלְכֶער טָאג׳ – לוּשְׁמִיר [אָבֶּער] ׳וִוי וֶועלְכֶער טָאג׳ אִיר וִוילְט, אַזוֹי בִּין אִיךְ קְלוּג.

לוּשְׁמִיר פַארְוָואס זֶע וִוידֶער אִיז ׳דֶער׳ קְלוּגֶער? – וַוייל עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט ׳וִוי וֶועלְכֶער טָאג׳? – דֶער חָכָם אִיז זִיךְ אוֹיךְ קְלוּג ׳וִוי וֶועלְכְן טָאג׳ עֶר וִויל – נָאר סְ׳פַארְהַאנְדְן אַ גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה״.

״וָוארְן דֶער ׳אֶמֶתְ׳ר אִישׁ־חֶסֶד׳, אִיז זֵייעֶר אַ ׳גְרוֹיסֶער־מַאן׳ – אוּן אִיךְ (דְהַיְינוּ: דֶער ׳כְּבַד־פֶּה׳, וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ), גֵיי אוּם [אַרוּם], אוּן נֶעם צוּם אוֹיף [צוּנוֹיף] אַלֶע אֶמֶתְ׳ע חֲסָדִים, אוּן בְּרֶענְג זֵיי צוּ דֶעם ׳אֶמֶתְ׳ן אִישׁ־חֶסֶד׳.

אוּן דֶער עִיקָר ׳זְמַן׳ – (דְהַיְינוּ אַז סְ׳זָאל זַיין אַ ׳צַייט׳ – וָוארְן דִי ׳צַייט׳ אַלֵיין, דְהַיְינוּ אַז סְ׳זָאל זַיין ׳יָאהְר׳ אוּן ׳טֶעג׳ אוֹיף דֶער וֶועלְט, דָאס אַלֵיין הָאט זִיךְ אוֹיךְ הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ בַּאשַׁאפְן) – וֶוערְט נָאר דוּרְךְ אֶמֶתְ׳ע חֲסָדִים.

אוּן אִיךְ גֵיי אוּם [אַרוּם], אוּן נֶעם צוּם אוֹיף [צוּנוֹיף] אַלֶע אֶמֶתְ׳ע חֲסָדִים, אוּן בְּרֶענְג זֵיי צוּ דֶעם ׳אֶמֶתְ׳ן אִישׁ־חֶסֶד׳, וָואס דֶערְפוּן וֶוערְט דֶער ׳זְמַן׳.

אוּן סְ׳אִיז פַארְהַאנְדְן אַ ׳בַּארְג׳, אוּן אוֹיף דֶעם ׳בַּארְג׳ שְׁטֵייט אַ ׳שְׁטֵיין׳, אוּן פוּן דֶעם ׳שְׁטֵיין׳ גֵייט אַ ׳קְוַואל׳.

אוּן אִיטְלֶעכֶע זַאךְ הָאט אַ ׳הַארְץ׳ – אוּן דִי ׳וֶועלְט׳ אִינְגַאנְצְן, הָאט אוֹיךְ אַ ׳הַארְץ׳ – אוּן דָאס ׳הַארְץ׳ פוּן דֶער ׳וֶועלְט׳, אִיז אַ גַאנְצֶע ׳קוֹמָה׳ – מִיט אַ ׳פָּנִים׳, אוּן מִיט ׳הֶענְט׳, אוּן ׳פִיס׳ וְכוּ׳ – לוּשְׁמִיר דֶער ׳נָאגְל׳ פוּן דֶעם ׳פוּס׳, פוּן דֶעם ׳הַארְץ׳ פוּן דֶער וֶועלְט – אִיז הַארְצִיגֶער, אֵיידֶער אַ אַנְדֶערְנְס ׳הַארְץ׳.

:pe ______________

# לאמיר זיך פארהערן





## די דרייצנסטע מעשה - די זיבן בעטלערס (ז)

**א. וואס איז דער בעטלער דער כבד פה?**
- ❑ א מליץ און א ריידער וואס איז א ווילד חידוש
- ❑ זייער א גרויסער חכם
- ❑ איינער וואס קען נישט רעדן

**ב. פון וועמען האט ער א הסכמה?**
- ❑ פונעם גרויסן אדלער
- ❑ פון די מדינה של עשירות
- ❑ פון דער אמת'ער איש חסד

**ג. מיט וואס האט זיך בארימט דער פערטער חכם?**
- ❑ אז ער האט אויסגעטראפן וויאזוי מ'מאכט זילבער
- ❑ אז ער האט אויסגעטראפן וויאזוי מ'מאכט גאלד
- ❑ אז ער האט אויסגעטראפן וויאזוי מ'מאכט כלי מלחמה

**ד. מיט וואס בארימט זיך דער חכם וואס איז קלוגער פון זיי?**
- ❑ אז ער איז קלוג ווי דער נאכט
- ❑ אז ער איז קלוג ווי דער טאג
- ❑ אז ער איז קלוג ווי איין שעה

**ה. און וויפיל צייט קען מען צוזאמנעמען זייערע חכמות?**
- ❑ אין איין שעה
- ❑ אין איין טאג
- ❑ אין איין וואך

**ו. צו וועם ברענגט דער כבד פה די אמת'ע חסדים?**
- ❑ צו דער וואס איז קלוג ווי דער טאג
- ❑ צו דעם אמת'ן איש חסד
- ❑ צו דעם גרויסן אדלער

**ז. פון וואו גייט ארויס די קוואל?**
- ❑ פון א שטיין וואס שטייט אויפ'ן בארג
- ❑ פון א שטיין וואס שטייט נעבן בארג
- ❑ פון א טיפע פלאץ

**ח.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



## טיפער געטראכט

וואספארא זאך ווערט דערמאנט דא ביי אונזער מעשה – און אויך ווערט עס דערמאנט ביי די מעשה פון דער בעל תפילה?

### תשובות אויף די פריערדיגע וואך

און וועלכע מעשה נאך דערציילט דער הייליגער רבי אויף א מדינה וואס עס איז פול מיט שקרים? ביי מעשה ו' פון מלך ענו

און וויאזוי רופט דער רבי די בתי דינים דארט? סאַנְדִים (ערכאות)

**דער געווינער אויף די זיבן בעטלערס נומער 6 איז**
**הילד החשוב משה נברוצקי, בית שמש**

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040



# דעם רבינ'ס משלים

דִי חֲבֵרִים פוּנֶעם חָתָן זִיצְן אִין בָּאס אוֹיפְן וֶועג צוּם יְשִׁיבָה, זֵיי רֶעדְן מִיט אַייפֶער אוּן בְּרֶען אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְאַרְטִיגֶע חֲתוּנָה וָואס זֵיי הָאבְּן נָארְוָואס מִיטְגֶעהַאלְטְן.

מֹשִׁי רֶעדְט זַאפְטִיג: ״אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חֲתוּנָה, פְּרִישֶׁע פִישׁ, פְלֵייש בְּשֶׁפַע, נִישְׁט בַּיי יֶעדֶע חֲתוּנָה אִיז אַזוֹי בְּרֵייט צוּגֶעשְׁטֶעלְט.״

ווִידֶער יַעְנְקִי טַעֲנָה'ט: ״מִיר גֵייט נִישְׁט אָן אַזוֹי דִי עֶסְן, דֶער עִיקָר אַ הֶערְלִיכֶע צַאמְשְׁטֶעל פוּן מוּזִיק, אַ פִידְל, פוּיק, אָרְגַאן, וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּנֶעם קְלִירֶענֶעט, עֶר הֵייבְּט דֶעם עוֹלָם אִין דֶער לוּפְט!!״

״דַוְקָא אִיךְ״ זָאגְט אַבְרָהֶמ'ל: ״פְרַיי זִיךְ פוּן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אַ גֶעפַאקְטֶער עוֹלָם, דִי טֶענְץ אוּן רִינְגֶען״

אַהֲרֹן עֶפְנְט זַיינֶע אוֹיגְן מִיט קִנְאָה אוּן זָאגְט: ״אִיךְ הָאבּ בִּכְלַל נִישְׁט הֲנָאָה גֶעהַאט, עֶס זֶעט מִיר אוֹיס אַז עֶס קוּמְט זִיךְ נִישְׁט פַארְן חָתָן אַזַא טַייעֶרְן מְחֻתָּן, עֶר אִיז גַאנְץ אַ גֶעוֶוענְלִיכֶער בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה גֶעוֶוען, פַארְוָואס פַארְדִינְט עֶר אַזַא שִׁידוּךְ?״

דָּוִד הֶערְט אוּן לֵייגְט צוּ: ״אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט דִי שִׂמְחָה אוּן הִתְרַגְשׁוּת פוּן דִי מְחֻתָּנִים, פַאר זֵיי הָאט גָאר נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט, נָאר דִי חֲתוּנָה אַלֵיין, אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ גֶעבְּרֶענְגְט פַארְן מְחֻתָּן אַ טֶעלֶער פְלֵייש, עֶר הָאט מִיר אָפְּגֶעוָוארְפְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אִיבֶּערְגֶעוֶועלְטִיגְט מִיט פְרֵייד אַז בָּרוּךְ ה׳, עֶנְדְלִיךְ אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ פִירְן זַיין זוּן אוּנְטֶערְן חֻפָּה בְּשָׁעָה טוֹבָה!״

## העכער אלע טובות

אִינְדֶערְזַייט זִיצְט יְחִיאֵל דֶער מַתְמִיד אוּן הֵייבְּט זַיין קוֹלְ'כְל: ״אִיךְ הָאבּ בֶּאֱמֶת הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן אַלֶעם, דִי פִישׁ, פְלֵייש, מוּזִיק, טֶענְץ אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ פוּן דִי חֲתוּנָה אַלֵיין. וֵוייסְט אִיר פַארְוָואס? וַוייל אִיךְ קוּק נִישְׁט אוֹיף דִי זַייטִיגֶע זַאכְן דִי עֶסְן א.א.וו. אִיךְ קוּק אִינֶעם שׁוֹרֶשׁ פוּן דֶער זַאךְ, אִיךְ טְרַאכְט אַרַיין טִיפֶער: 'וֶוער מַאכְט אוּן פִירְט דָאס אַלֶעס? וֶוער הָאט אָנְגֶעדְרֵייט אַז דֶער בָּחוּר זָאל זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין צוּ אַזַא גוּטֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן ס'זָאל פָארְקוּמֶען אַזַא סָארְט חֲתוּנָה, וֶוער? וֶוער? נָאר דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער! עֶר פִירְט אוּן אִיז מְסַדֵּר אַלֶעס, אַז יֶעדֶע פְּרָט פוּן טוֹיזְנְטֶער אֵיינְצְלְהֵייטְן זָאל זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין צַאמְשְׁטֶעלְן! אַזוֹי שֵׁיין גֶעבִּינְדְן אֵיינְס אִינֶעם צְווֵייטְן, וֶוער זָאל זַיין דֶער מְחֻתָּן? דֶער מוּזִיקַאנְט? אִין וֶועלְכֶע זַאל זָאל דִי חֲתוּנָה פָארְקוּמֶען?״

מִיר לֶערְנֶען אַ גְרוֹיסְן יְסוֹד פַאר אוּנְזֶער לֶעבְּן פוּן דֶעם מָשָׁל:

מִיר קֶענֶען קוּקְן פוּן פַארְשְׁטֵיין פוּן אַלֶע טוֹבוֹת וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער טוּט מִיט אוּנְז יֶעדֶע רֶגַע,

המשך אויף זייט 7

ברכת מזל טוב
להרה״ח ר׳ יואל יאראוויטש, משגיח
בת״ת ברסלב ב״ש, שמשים לילות כימים
למען הצלחת לימוד סיפורי מעשיות לתשב״ר
לרגל נישואי בתו עם החתן הר״ר אשר אנשיל
בן הרה״ח מרדכי יצחק קרוויז הי״ו
למזל טוב בשעה טובה ומצלחת

הגליון נתנדב ע״י
החתן יעקב ראזנוי הי״ו
לרגל נישואיו למזל טוב

הגליון נתנדב ע״י
הרה״ח ר׳ משה ריינער הי״ו
לרגל נישואי הבת למזל טוב

הגליון נתנדב לע״נ
לונא בת מרים, היארציייט
בי״ט כסלו, נא לעשות איזה
דבר טוב לע״נ